


# ראנגלט איר זיך אן-צו-גיין אן קיין געזונט דעקונג?

## איצט זענען פארהאן געזונטערע ברירות פאר אייך אדער אייער משפחה.

## אומזיסטע און ביליגע העלטה אינשורענס פראגראמען

**קינדער . דערוואקסענע קינדער . עלטערן**
**איינצעלנע מענטשן און פארפאלקן אן קיינע קינדער**

יעצט איז גרינגער פאר אייך און פאר אייער משפחה צו באקומען די העלטה קעיר וואס איר דארפט. נייע, אומזיסטע און ביליגע אינשורענס פראגראמען, און מעדיקעיד **(Medicaid)** ענדערונגען וואס זענען לעצטענס געמאכט געווארן, קענען העלפן דעקן די קאסטן פון מעדיצינישע באהאנדלונגען פאר אייך אדער פאר אייער משפחה:


ניו יארק סיטי
דעפארטמענט פון געזונט און מענטאל היגיענע

Michael R. Bloomberg
מעיאר, סיטי אוו ניו יארק

Thomas R. Frieden, MD MPH
קאמישאנער


## פארוואס איז וויכטיג צו האבן העלטה אינשורענס?

ווייל עס באצאלט פאר די מעדעצינישע באהאנדלונג וואס איר ברויכט האבן ווען איר זענט קראנק. אויך באצאלט עס פאר רעגולערע אונטערזוכונגען וועלכע קענען ארויס העלפן צו פארמיידן אדער באהאנדלן קרענק (אזוי ווי למשל צוקער אדער אסטמא) בעפאר זיי ווערן זייער ערנסט. גלייכצייטיג צאלט עס אויך פאר:

- ✓דאקטאר באזוכן
- ✓דענטיסט באהאנדלונג
- ✓מענטאל העלטה סערוויסעס
- ✓עקס. רעי און לאבראטאריע טעסטן
- ✓אימוניזאציעס
- ✓אויגן אונטערזוכונגען און אויגן גלעזער
- ✓אפטייק מעדעצינען
- ✓שפיטאל באהאנדלונג

## העלטה אינשורענס פראגראמען וואס זענען פאראן צו באקומען*

טשיילד העלטה פלאס ב' (Child Health Plus B) שטעלט צו אומזיסטע אדער ביליגע העלטה אינשורענס פאר קינדער אונטער 19 יאר אלט וועלכע זענען נישט בארעכטיגט צו געניסן פון מעדיקעיד (Medicaid).

פעמילי העלטה פלאס (Family Health Plus) שטעלט צו אומזיסטע העלטה אינשורענס פאר דערוואקסענע מענטשן וואס זענען נידריגע-פארדינער און נישט געדעקט פון אינשורענס (צווישן 19 און 64 יאר אלט) וועלכע זענען נישט בארעכטיגט צו געניסן פון מעדיקעיד (Medicaid).

מעדיקעיד (Medicaid) שטעלט צו אומזיסטע העלטה אינשורענס פאר נידריגע-פארדינער קינדער טשיילד העלטה פלאס א' (Child Health Plus A) און דערוואקסענע מענטשן. קינדער אונטער 21 יאר האבן א צוגאב גאראנטי פון אלע וויכטיגע סקרינינגס, באהאנדלונג, הילף ביי אפוינטמענטס און טראנספארטאציע, דורך דעם טשיילד/טין העלטה פראגראם.

איין אפליקאציע ווערט גענוצט זיך איינצוגעבן פאר אלע פון די פראגראמען.

** אויסער דעם, איז מעדיקעיר (Medicare) פאראן צו באקומען פאר מענטשן פון 65 יאר און עלטער, וויאויך אינגערע מענטשן וואס ליידן פון דיסאביליטיס און מענטשן מיט "רינעל" קראנקהייט ביים לעצטן שטאפל. פאר פראגן ביטע רופט 1-800-633-4227.*

## וואו אהין דארף איך גיין פאר מיין מעדעצינישע באהאנדלונג?

מערסטענס מענטשן וועלכע זענען בארעכטיגט פאר העלטה אינשורענס וועלן באקומען זייער מעדעצינישע באהאנדלונג דורך א העלטה פלאן, און וועלן גיין צו די דאקטוירים און צו די שפיטעלער וואס נעמען אן דעם העלטה פלאן. עס איז וויכטיג געוואר צו ווערן וועלכע העלטה פלענער אייער דאקטאר נעמט אן בעפאר איר קלויבט אייך אויס א געוויסן פלאן. אן איינשרייבונגס ראטגעבער וועט אייך ארויס העלפן אויס צו קלויבן דעם בעסטן פלאן פאר אייך.

## איך ארבייט. בין איך נאך אלץ בארעכטיגט?

פילע משפחות און אינדיווידועלע מענטשן וועלכע ארבייטן זענען בארעכטיגט צו אומזיסטע אדער ביליגע העלטה אינשורענס. יעדע משפחה איז אנדערש. פאלגענד זענען בלויז עטליכעביישפילן:

| | *חודש'ליכע פארדינסט* |
|---|---|
| • **דערוואקסענע מענטשן אן קינדער** נישט פארהייראטע: | ביזן סכום פון $851 |
| פארהייראטע: | ביזן סכום פון $1,141 |
| • **עלטערן** *אין א משפחה פון פיר פערזאן* | ביזן סכום פון $2,582 |
| • **א שוואנגערדיגע פרוי** *אין א משפחה פון פיר פערזאן* | ביזן סכום פון $3,442 |
| • **קינדער** *אין א משפחה פון פיר פערזאן* | ביזן סכום פון $4,303 |

*די טאבעלע איז עפעקטיוו אנגעהויבן פון 1, 1, 2007, און איז אויסגעשטעלט צו יערליכע פארדינסט העכערונגען*

## וואס איז מכח די אימיגראציע סטאטוס?

איר מוזט נישט זיין קיין בירגער צו זיין בארעכטיגט פאר העלטה אינשורענס. מערסטענס דערוואקסענע מענטשן אימיגראנטן און **אלע** קינדער און שוואנגערדיגע פרויען זענען בארעכטיגט אויב זיי קומען נאך די אנדערע פארשריפטן פון דעם פראגראם. אימיגראנטן וועלכע זענען נישט בארעכטיגט פאר אינשורענס, קענען זיין בארעכטיגט צו באקומען הילף צו לייסטן די קאסטן פון עמוירדזשענסי מעדעציניש באהאנדלונג.

## וויאזוי טוה איך זיך איינשרייבן?

היינט איז פיל גרינגער איינצוגעבן אן אפליקאציע ווי סיי ווען. עס זענען דא מערערע באקוועמע לאקאלן און איינשרייבונגס ראטגעבער וואס זענען גרייט אייך צו העלפן. הילף איז אויך פאראן צו באקומען פאר מענטשן וואס רעדן נישט קיין ענגליש. רופט העלטהסטאט (HealthStat) אויף 311 זיך צו דערוואוסן אויב איר זענט בארעכטיגט און אויך וואו איר קענט זיך איינשרייבן אין אייער געגענט.

רופט העלטהסטאט (HealthStat) אויף **311**
**1-212-504-4115** TTY
**www.nyc.gov/health**